Roskies / 5506

# Jacob Glatshteyn

1896–1971

After the Holocaust, Jacob Glatshteyn* was the most celebrated "national" Yiddish poet. Readers found in his poetry a response to the catastrophe and an evocation of Jewish historiosophical awareness. When the critics lauded the later Glatshteyn as a great "national" poet, A. Leyeles challenged them, arguing that for the Introspectivists, Glatshteyn had always been a great poet. Indeed, without the development of Glatshteyn's sophisticated, individualistic, and ironic style, sparkling with wit and innovations of language, the achievements of his Holocaust poetry would have been impossible. Glatshteyn's nationalist poetry was deceptively simple; between the 1920s and 1950s, the Yiddish reader also grew into accepting Modernist poetry and free verse.

Clearly, the catastrophe in Europe brought Jewish themes into the center of Glatshteyn's poetry. In earlier poems such as "Autobiography" and "Jewish Kingdoms" (1929), Glatshteyn still dissociated himself from his Eastern-European past or looked at it with amazement, but the events of the late thirties brought him back to the Jewish ghetto. In 1938 and early 1939, Glatshteyn was among the first to sense the coming disaster. In such poems as "A Hunger Fell Upon Us," "On the Butcher Block," "Here I Have Never Been," and the celebrated "Goodnight, World," he gave forceful expression to a sense of Jewish isolation in the face of the approaching catastrophe, although only its first signs were apparent at the time. It was only after the Holocaust that he was able to re-create from a certain distance of tragic tranquility the pious world of his parents and his childhood.

His first book, entitled *Jacob Glatshteyn* (1921), was a celebration of moments in the present, a bewildered individual's attempt to make some sense of the "world tangle" (*velt-plonter*), with some traces of New York in the background and no sign of history. It was also the first book in Yiddish poetry written entirely in free verse. Glatshteyn went on to write a dozen mature books, very American in their sensibilities, only to announce himself in 1966, in the very title of his book, as *A Jew from Lublin*.

*Also Yankev Glatstein, Gladstone.

Glatshteyn was born in Lublin, Poland, then under Russian rule, to an Enlightened religious family. He received a traditional education until the age of sixteen, studying the Bible, the Talmud, and later commentaries, as well as secular subjects with private tutors. His father introduced him to modern Yiddish literature.

In 1914 he immigrated to America to join an uncle, and in the same year published his first short story in the anarchist Yiddish newspaper, *Di Fraye Arbeter Shtime*. After 1918 he studied law at New York University, but abandoned it for the career of a Yiddish writer.

At first, Glatshteyn felt that poets should refrain from journalism, but after some years he relented, making a living through the only Yiddish medium with a mass audience, the newspaper. In 1926 he became a regular contributor to one of the three New York Yiddish dailies, *Morgen-Zhurnal*, and participated actively in other Yiddish journals. In 1945 he began writing a regular column for the weekly *Yiddisher Kemfer*, entitled "In Tokh Genumen" (The Heart of the Matter), publishing until 1957 some six hundred essays—primarily literary criticism, reviews of new books, and discussions of Jewish cultural problems. Some of these essays were masterpieces of Yiddish style and of concise, sensitive, and personal literary criticism.

In 1940, Glatshteyn received the Louis Lamed Prize for his two volumes of masterly prose, *When Yash Went* and *When Yash Came* (English translation: *Homecoming at Twilight*, 1962), which reflected the author's confrontation with the Old World during a voyage to Europe in 1934. He received the Lamed prize again in 1956 for a volume of his collected poems, *From All My Toil* (which was arranged in reverse chronological order).

Glatshteyn always believed in experimentation in poetry and in the need for the poet to create his own individual language. In his poems, he laid bare the unique properties of the Yiddish language, articulating the interplay of the source languages of Yiddish, using the wealth of Yiddish idioms for new poetic metaphors, and weaving the intonations of colloquial folk Yiddish into the measured sentences of a modern intellectual. The interplay of invention and stylistic parody reached a virtuoso culmination in pieces such as "If Joyce Had Written in Yiddish" (an emulation of the style of *Finnegans Wake*) and especially in his book, *Yiddishtaytshn* (here translated as *Exegyddish*), which is one of the most brilliant achievements of Yiddish poetry, and for the most part untranslatable.

*Exegyddish* appeared in 1937, just a year before Glatshteyn's first Holocaust poems, which, though replete with irony, shifted to a blunt, straightforward style. Glatshteyn's experiments with language—the fresh turns of phrases, the effective interplay with dialects, the archaisms or Hebrew allusions—are at work in his later period as well, though naturally subordinated to the "theme" imposed by the intrusion of history. In the last thirty years of his life, Glatshteyn's poetry became an incessant, internalized conversation on Jewish history, the lost world of European Jewry, the birth of Israel, assimilation in America, the tragic demise of the Yiddish language, and the loneliness of the poet.

The poems selected from Glatshteyn's earlier books follow the texts of his original volumes rather than his better-known book of collected poems, *Fun Mayn Gantser Mi* (From All My Toil, 1956). In only a few cases have we accepted changes from the later variant. This selection restores a number of poems which Glatshteyn did not include in his celebrated collected volume.

# 1919 ➤

די לעצטע צײַט איז קײן שפור ניט מער געבליבן
פון יאַנקל ברב יצחק.
נאָר אַ קלײנטשיק פּינטעלע אַ קײַלעכדיקס.
וואָס קײַקלט זיך צעדולטערהײט איבער גאַסן
מיט אָדריפגעטשעפּעטע, אומגעלומפּערטע גלידער.
דער אויבערהאַר האָט מיט דעם הימלבלוי
די גאַנצע ערד אַרומגערינגלט
און ניטאָ קײן רעטונג.
אומעטום פאַלן "עקסטראַס" פון אויבן
און צעפּלעטשן מײַן וואַסערדיקן קאָפּ.
און אײנער מיט אַ לאַנגער צונג
האָט מיט אַ שטיק רויט מײַנע ברילן אויף אײביק באַפּלעקט
און רויט, רויט, רויט.
איר הערט:
אָט די טעג וועט עפּעס אַזוינס אין מײַן קאָפּ פּלאַצן
און מיט אַ טעמפּן קראַך זיך אָנצינדן דאָרט
און איבערלאָזן אַ קופּקע שמוציקלעכן אַש.
און איך,
דאָס קײַלעכדיקע פּינטעלע,
וועל זיך דרײען אין עטער אויף אײביקײטן
מיט רויטע וואַלן אַרומגעהילט.

# ➤ 1919

Lately, there's no trace left
Of Yankl, son of Yitskhok,
But for a tiny round dot
That rolls crazily through the streets
With hooked-on, clumsy limbs.
The lord-above surrounded
The whole world with heaven-blue
And there is no escape.
Everywhere "Extras!" fall from above
And squash my watery head.
And someone's long tongue
Has stained my glasses for good with a smear of red,
And red, red, red.
You see:
One of these days something will explode in my head,
Ignite there with a dull crash
And leave behind a heap of dirty ashes.
And I,
The tiny dot,
Will spin in ether for eternities,
Wrapped in red veils.

**1919**

The political events of 1919 included Wilson's attempts to create a lasting world peace, the fresh impressions of the Russian Revolution and Civil War, the Red Scare in America, and the wave of massive pogroms in the Ukraine.

**Yankl, son of Yitschok**—a familiarizing form of the biblical Jacob, son of Isaac, using, however, the real names of the poet and his father.

**tiny round dot**—an allusion to "dos pintele Yid" (the "tiny dot Jew," or the heart of Jewishness in a person). In most Yiddish dialects, it also means "the tiny dot of 'i.'" Yud (= Yid) is the smallest Hebrew letter, and a dot—for the vowel /i/—is the minimal representation of any Hebrew sound. At the same time, it is the initial letter of both "Jew" and the name of God (YHWH); as well as of Jacob (Yankl) and Isaac (Yitschok). The idiom refers to the irreducible hard core of Jewishness—that tiny, minimal point that makes the difference, no matter how assimilated a person may be. In this poem, the dot is devoid of any specifically Jewish connotation; he becomes a dot, a hardly observable but stubborn core of existence.

# טירטל-טויבן ➤

אימפּולסן פון געדאַנק
בליציקע און ראַשיק —
בליאַסק פון זון אויף מעסער-שאַרף.
פּלוצעם:
חדר-יאָרן און אַ וואָרט,
מער נישט ווי אַ וואָרט:
טירטל-טויבן.
און ס'לאָזט ניט אָפּ,
מיט דעם ווייכן קנייטש פון טירטל,
מיט דעם לאַשטשענדיקן קנייטש.
אָ, טירטל-טויבן
טירטל-טויבן.
טירטל-טירטל
טירטל-טויבן.
חדר-יאָרן, קינדער-יאָרן.
און עס דינגט.
און פאַרפּאָלגט.
און פאַרוויגט.
און דערמאָנט:
טירטל-טויבן
טירטל-טירטל
טירטל-טויבן.

# ➤ *Turtledoves*

Impulses of memory:
Lightning, swift—
Gleam of the sun on a blade.
Suddenly:
*Heder* years and a word,
Just a word:
*Tirtle-toyben.*
Turtledoves.
And it won't relent,
With the soft bend of *tir-tle*,
With the fondling fold.
Oh *tirtle-toyben*
*Tirtle-toyben.*
*Tirtle-tirtle*
*Tirtle-toyben.*
*Heder* years, childhood years.
And it sings.
And it haunts.
And it rocks.
And reminds:
*Tirtle-toyben*
*Tirtle-tirtle*
*Tirtle-toyben.*

יעקב גלאַטשטיין Jacob Glatstein (1896 - 1971)

קרעדאָס 1929



➤ שיני מײַק

I

שיני מײַק שלאָפֿט אין אַ בראָנדזענעם ארון.
עס וויינט נאָך אים אַ מלוכה פֿון צוועלף בלאָק
און דער מאַמעס שייטל און דעם טאַטנס אַלטע באָרד.
פֿאַריתומטע יונגען שטייען בײַ די ראָגן
און קנייטשן ציגאַרעטלעך מיט ציטערדיקע, דינע פֿינגער.
שטייט אַ יונג בײַם ראָג מיט דעם קאַפּעלושל אָן אַ זײַט
און שפּײַט ווײַט אַ דינעם שפּײַ.
אויפֿן ברונעם פֿון טרערן ליגט אַ האַרטער, שווערער שטיין,
אָבער ער ווייסט אַז שיני מײַק שלאָפֿט איצט
אין אַ בראָנדזענעם ארון.
דער שרעק און דער היטער, דער מלך און געביטער
פֿון אַרום און אַרום צוועלף גאַנצע בלאָק,
ליגט אויסגעפּראַנטעוועט און שלאָפֿט.
דער מאַמעס שייטל יאָמערט אים נאָך אַ זכות,
אַז ער האָט אַלטע טאַטע-מאַמע
ניט געלאָזט פֿאַלן מענטשן צו לאַסט.
און דעם טאַטנס באָרד איז פֿאַרשעמט אויף די עלטערע יאָרן,
ווײַל אַלע, אַלע ווייסן פֿון אַרום און אַרום די צוועלף בלאָק,
אַז שיני מײַק איז געפֿאַלן און שלאָפֿט איצט
אין אַ בראָנדזענעם ארון.

➤ *Sheeny Mike*

I

Sheeny Mike sleeps in a coffin of bronze.
He is mourned by a kingdom of twelve blocks
And by his mama's *shaytl* and his papa's old beard.
Orphaned guys stand at the streetcorners
And crumple cigarettes with thin, shaking fingers.
A guy stands on the corner, his hat slanted,
And spits a thin stream through his teeth.
A heavy stone covers the well of tears,
But he knows that Sheeny Mike lies asleep
In a coffin of bronze.
The terror and the guardian, the ruler and the king
Of twelve whole blocks
Lies spruced up, asleep.
Mama's *shaytl* wails out his merit:
He didn't let his old father-and-mother
Be anybody's burden.
And papa's beard is ashamed in its old age,
For everyone, everyone in the twelve whole blocks knows
That Sheeny Mike fell and is now asleep
In a coffin of bronze.

## II

Heavy tugboats cut through the dirty water,
Stinking smoke covers with soot
The roofs of the little world.
Here, on the roof, he saw the dream of his kingdom.
The flapping sheets on the lines
Were his plains,
While below, over a greasy holy book,
His papa with half-blind eyes
Taught children the meaning
Of *Shulchon—a taybel* and *Keessay—a chair.*
Oh, mama knew her woe,
That her child climbed the ladder fast—
From pickpocket to the very top,
To big boss, king and ruler
Over twelve whole blocks.
The forefathers, the pious waterbearers and coarsened God-fearing butchers,
Stayed behind in the cemeteries over there.
They did not intercede
When papa with his red eyes generously
Furnished the poverty of his house with chanting:
Oy, *Shulchon—a taybel* and *Keessay—a chair.*

**shulchon**—table. The traditional mode of teaching in heder consisted of reading each Hebrew word followed by a translation.

## II

שווערע שלעפשיפן שנײַדן דאָס קריטיקע וואַסער.
שטינקענדיקער רויך פֿאַרסאַזשעט די דעכער
אויף די הײַזער פֿון דעם פּיצל וועלט.
דאָ, אויף דעם דאַך האָט ער דאָך דעם חלום פֿון זײַן קיניגרײַך דערזען.
די ציטערדיקע וועש אויף די שטריק
זײַנען געווען זײַנע לאָנען,
ווען אונטן האָט דער טאַטע מיט האַלב-בלינדע אויגן
איבער אַ פֿאַרפֿעצטן ספֿר
געלערנט מיט קינדער דעם טײַטש
פֿון שולחן — אַ טײַבל און כּיסא — אַ טשער.
אָ, די מאַמע האָט געוווּסט איר בראָך,
אַז ס׳קלעטערט איר קינד שנעל די לייטער,
פֿון קעשענע-גנבֿ צום סאַמע שפּיץ,
צום גרויסן שׂררה, מלך און באַפֿעלער,
איבער די גאַנצע אַרום און אַרום צוועלף בלאָק.
די אָבֿות, די פֿרומע וואַסערטרעגער און פֿאַרגרעבטע גאָטספֿאָרכטיקע קצבֿים,
זײַנען פֿאַרבליבן אויף די בית-עלמינס פֿון יענער זײַט.

האָבן זיי זיך ניט געמישט,
ווען דער טאַטע מיט די רויטע אויגן האָט בהרחבֿהדיק
באַזעצט דעם דלות אין הויז מיט זײַן געזאַנג —
אוי, שולחן — אַ טײַבל און כּיסא — אַ טשער.

## III

ווי אַזוי האָט ער אויסגעחלומט זײַן מלוכה.
ווי אַזוי האָט ער געוועלטיקט.
ווי אַזוי געהערשט.
ווי אַזוי האָט ער פֿאַראונטערטעניקט.
ווי אַזוי פֿאַריאָכט
זײַן פּיצל וועלט ביז אַפֿילו
צום הויז פֿון געזעץ מיט דער גרינער לאַמטערנע.
דער מאַמעס פֿאַרזשאַווערטע בענטשלײַכטער,
דער אָרעמער שבת אין הויז,
די פֿײַכטע ווענט,
דעם טאַטנס באָרד און דער מאַמעס שייטל
האָבן זיי דען געוווּסט אַז אונטער איין דאַך
וווינט אַ קיניג,
וואָס האָט געקיניגט און געקיניגט, געשאַלט און געוואַלט,
ביז ער איז געפֿאַלן פֿון אַ שונאס האַנט.
ווער האָט איבערגעריסן די דינאַסטיע?
שיני מײַק ווייסט, אָבער מען טאָר ניט דערציילן,
שיני מײַק שמייכלט אין בראָנדזענעם ארון.

How did he dream up his kingdom.
How did he govern.
How did he rule.
How did he subdue,
How did he harness
His little world right up to the
House of the law with the green lantern.
Mama's rusty candle holders,
The poor sabbath at home,
The damp walls,
Papa's beard and mama's *shaytl*—
Did they know that under the same roof
Lived a king,
Who ruled and ruled, governed and commanded
Till he fell by an enemy hand.
Who broke the dynasty?
Sheeny Mike knows, but one must not tell.
Sheeny Mike smiles in a coffin of bronze.

## IV

וויפֿל מוט פֿאַרמאָגט אַזאַ דינער קערפּער,
וויפֿל קראַפֿט אין פֿאַרשלאָסענע ליפּן,
וויפֿל עקשנות אין שטאָלצע פֿיס
צו קומען שווײַגן, שווײַגן, שווײַגן
צוקאָפּנס דעם שווײַגנדיקן קאָפּ.

לאָזט זי צו צום בראָנדזענעם ארון.

אָ, אויף איר יונג און גלײַענדיק לעבן
איז ער געווען דער איידלמאַן,
דער רײַטנדיקער ריטער,
דער טעמפּער יונג, דער שיכּור,
וואָס האָט געוועוטעט כּעס
און פֿײַערדיקע רייד.
וויפֿל עקשנות דורכצוגיין אַלע רייען
און קומען שווײַגן, שווײַגן, שווײַגן
צוקאָפּנס דעם שווײַגנדיקן קאָפּ.

לאָזט זי צו צום בראָנדזענעם ארון.

How much courage in a thin body,
How much strength in clenched lips,
How much stubbornness in proud legs
Coming to be silent, silent, silent
At the side of the silent head.

Let her through to the coffin of bronze.

Oh, over her young and glowing life
He was the nobleman,
The knight on horseback,
The dumb guy, the drunkard,
Who exploded with anger
And fiery words.
How much stubbornness walking through all the rows,
Coming to be silent, silent, silent
At the side of the silent head.

Let her through to the coffin of bronze.

Benjamin & Barbara Harshav

# Good Night, World[1]

Good night, wide world.
Big, stinking world.
Not you, but I, slam the gate.
In my long robe,[2]
With my flaming, yellow patch,[3]
With my proud gait,
At my own command—
I return to the ghetto.
Wipe out, stamp out all the alien traces.
I grovel in your dirt,
Hail, hail, hail,
Humpbacked Jewish life.
A ban, world, on your unclean cultures.
Though all is desolate,
I roll in your dust,
Gloomy Jewish life.

Piggish German, hostile Polack,
Sly Amalek,[4] land of guzzling and gorging.
Flabby democracy, with your cold
Compresses of sympathy.
Good night, world of electrical insolence.
Back to my kerosene, tallowy shadow,
Eternal October, wee little stars,
To my crooked alleys, hunchbacked street-lamp,
My stray pages, my Twenty-Four-Books,[5]
My Talmud, to the puzzling
Questions, to the bright Hebrew-Yiddish,[6]
To Law, to deep meaning, to duty, to right.
World, I stride with joy to the quiet ghetto-light.

Good night. I grant you, world,
All my liberators.
Take the Jesusmarxes,[7] choke on their courage.
Drop dead on a drop of our baptized blood.
And I believe that even though he tarries,[8]
Day after day rises my waiting.
Surely, green leaves will rustle
On our withered tree.
I do not need consolation.
I go back to my four walls,
From Wagner's pagan music—to tune, to humming.[9]
I kiss you, tangled Jewish life.
It cries in me, the joy of coming.

April 1938

## אַ גוטע נאַכט, וועלט

אַ גוטע נאַכט, ברייטע וועלט.
גרויסע, שטינקענדיקע וועלט.
נישט דו, נאָר איך פֿאַרהאַק דעם טויער.
מיט דעם לאַנגן כאַלאַט,
מיט דער פֿײַערדיקער, געלער לאַט,
מיט דעם שטאָלצן טראָט,
אויף מײַן אייגענעם געבאָט —
גיי איך צוריק אין געטאָ.
וויש אָפּ, צעטרעט אַלע געשמדטע שפּורן.
כ'וואַלגער זיך אין דײַן מיסט,
לויב, לויב, לויב,
צעהויקערט ייִדיש לעבן.
חרם, וועלט, אויף דײַנע טרייפֿענע קולטורן.
כאָטש אַלץ איז פֿאַרוויסט,
שטויב איך זיך אין דײַן שטויב,
טרויעריק ייִדיש לעבן.

חזירישער דאַטש, פֿײַנטלעכער ליאַך,
עמלק גנב, לאַנד פֿון זויפֿן און פֿרעסן.
שלאַבערע דעמאָקראַטיע, מיט דײַנע קאַלטע
סימפּאַטיע-קאָמפּרעסן.
אַ גוטע נאַכט, עלעקטריש צעחוצפּהטע וועלט.
צוריק צו מײַן קעראָסין, חלב'נעם שאָטן,
אייביקן אָקטאָבער, דריבנע שטערן,
צו מײַנע קרומע גאַסן, הויקערדיקן לאַמטערן,
מײַנע שמות, מײַן סוואַרבע,
מײַנע גמרות, צו די האַרבע
סוגיות, צום ליכטיקן עברי-טײַטש,
צום דין, צום טיפֿן מיין, צום חוב, צום גערעכט,
וועלט, איך שפּאַן מיט פֿרייד צום שטילן געטאָ-לעכ[ט].

אַ גוטע נאַכט. כ'גיב דיר, וועלט, צושטײַער
אַלע מײַנע באַפֿרײַער.
נעם צו די יעזוסמאַרקסעס, ווערג זיך מיט זייער מוט.
קראַפּיר איבער אַ טראָפּן פֿון אונדזער געטויפֿט בלוט.
און איך האָב האָפֿן אַז כאָטש ער זאַמט זיך,
גייט אויף טאָג-אײַן-טאָג-אויס מײַן וואַרטן.
ס'וועלן נאָך רוישן גרינע בלעטער
אויף אונדזער בוים דעם פֿאַרקוואַרטן.
איך דאַרף קיין טרייסט נישט.
אין גיי צוריק צו דלת אמות,
פֿון וואַגנערס געץ-מוזיק צו ניגון, ברומען.
כ'קוש דיך, פֿאַרקאָלטנט ייִדיש לעבן.
ס'וויינט אין מיר די פֿרייד פֿון קומען.

אפּריל 1938

5. I.e., the Bible (in Yiddish, *svarbe*, which is a contraction of the Hebrew *esrim-ve-arbe*, or "twenty-four"). "Stray pages": of torn holy books, preserved in the synagogue in a *geniza*, a special repository for anything with the name of God written on it, which Jews are forbidden to discard or destroy.

7. Perjorative combination of the names of the key figures in Christianity (Jesus) and socialism (Karl Marx). Glatstein rejects all religions and ideologies of the world that drew many modern Jews away from their religious traditions.

8. An allusion to the [Jewish] credo *Ani Maamin* ("I believe" [Hebrew]), the affirmation of faith in the coming of the Messiah [Benjamin and Barbara Harshav's note].

9. The Yiddish *nign* (in Hebrew, *nigun*) is a traditional tune that, when hummed, serves as a form of wordless prayer. "Wagner's pagan music": Richard Wagner (1813–1883) was a German composer whose operas based on Germanic legends were much admired by Hitler and were, thus, anathema to many Jews.

This poem and "Here I Have Never Been" were not reprinted in Glatshteyn's collected poems of 1956.

## אויפֿן יאַטקעקלאָץ ◄

ס׳האָט זיך אַ ביסל געטאָן נעכטן אַרום מיר,
ווען איך בין געשטאַנען אַ צעדראַמטער
אויפֿן יאַטקעקלאָץ ווי אַ קנעכט צום פֿאַרקויפֿן.
אָט איז דער מאַן, האָבן אַלע געטײַטלט,
וואָס פֿאַרדינט אונדזער רחמנות.
אמת, האָט געקוויטשעט אַ מויל אויף שרויפֿן,
ער איז אַ שטיקל שווינדלער און גאָרגלשנײַדער,
און מען דאַרף אים קוקן אויף די לעפּקע פֿינגער.
אָבער ווער אויב נישט מיר, האָבן אים געשטויסן
צו די פּרנסות וואָס זײַנען גרינגער.

אַוודאי איז ער אַליין אַ ניבזה
און אַ פֿלעק אויף אונדזער משפּחה,
האָט אַ צווייטן, פֿון גרויס מיטלייד,
אַ טרער געוואָרגן דעם גאָרגל,
נאָר שווער צו פֿאַרגעסן דעם הייליקן ספֿר,
וואָס זײַנע עלטער-עלטערן האָבן אונדז געלאָזט בירושה;
פֿאַר די צען פֿאַרזאָגן אַליין
דאַרף מען מיט אים טאָן חסד
און פֿאַרטראָגן דעם דאָזיקן קריכער,
לומפּ, הורענזון און מאַרעוויכער.

גיט אַ קוק אויף זײַן הויקער,
טאַפּט מיר אַן אַלטע מויד דעם צעבײַלטן רוקן,
דאָס איז פֿון זיצן, קוקן אין ביכלעך,
און שאַרפֿן דעם מוח ווי אַזוי צו יידלען.
נאָר זידלען דאַרפֿן מיר זיך אַליין,
וואָס מיר האָבן אים נישט געטריבן
צו די שווייסיקע פֿאַכן,
ווי קאָפּען קאַרטאָפּליעס, שטיינער האַקן.

האָט ער, שטאָט דעם נאַקן, אײַנגעשפּאַנט דעם קאָפּ,
ווי אַן אָקס אין דער סאָכע,
אַלעמען איבערגעשכלט
און צוגענומען בײַ אונדז יעדן גראָשן.

און הערט ווי ער בעבעט זײַן לשון,
ווי ער פּראַוועט באַזונדערניש אויף אונדזער ערד,
פֿאַר וועלכער מיר האָבן געפֿאָכטן.
האָרכט ווי ער ריטשעט וואָס מען האָט זײַן ברודער געשאָכטן,
קוקט ווי ער מאַכט אונדז דאָס לעבן מיזעראַבל,
צערטלט מיך אַ באַסאָווער ליבעראַבל. —
ס׳וואָלט שוין לאַנג פֿון אים קיין זכר נישט געבליבן,
ווען מיר וואָלטן אים שטאָט האַסן געטאָן ליבן,
און געעפֿנט פֿאַר אים, דעם אויסדערוויילטן,
דעם שטאָלצן, אונדזערע אָרעמס —
אונדזערע קירכן וואָלטן אים שוין לאַנג צעשמאָלצן.
מיר פֿאַרגעסן — פֿאַרענדיקט ער, מיט אַ גלחישן קנאַק, —
ס׳האַנדלט זיך נישט אין כּסדר פֿראַסקן זײַן צווייטע באַק,
נאָר אויפֿשטעלן אונדזערע אַנטקעגן זײַנע
אײַנגעוואָרצלטע געמיינהייטן.

## ► *On the Butcher Block*

What a commotion there was yesterday around me,
As I stood bleeding on the butcher block
Like a slave for sale.
Here's the man, they pointed at me,
Who deserves our pity.
It's true, a fast tongue was shrieking,
You'd better watch out for his sticky fingers,
He's a a bit of a swindler, cutthroat, sleazy,
But wasn't it we who pushed him
To the livelihoods that are easy.

To be sure, he himself is loathsome,
A stain on our family—
Said another in deep compassion,
A tear choking his gullet—
But it's hard to forget the Holy Book
That his fore-forefathers bequeathed to us.
Just for the Ten Forbiddings
One should be gracious unto him
And endure
This sneak, whoreson and boor.

Just look at that hump—
An old maid felt my swollen back—
It comes from sitting, from poring over books,
Sharpening his wits for jewing.
But the blame, she says, must fall on ourselves,
For we did not force him
Into the sweaty trades,
Like cutting stones, digging potatoes;

So, instead of his neck, he harnessed his head
Like an ox to a plow,
Outclevered us all,
And took away our last cent.

Now listen to the language he babbles,
See, how he celebrates separateness in our land,
The land our fathers fought for,
Here how he squeals that they slaughtered his brother,
How he makes our lives miserable—
Caresses me the bass voice of a liberable—
No trace would be left of him
If we had loved him instead of hating
And opened our arms
For him, the chosen, the proud one.
Our churches would have melted him long ago.
We must not forget—he concludes with a priestly snap—
The point isn't always to slap his other cheek,
But to set ours against
His tribal nastiness.

ס׳האָט זיך אַ שיין ביסל געטאָן נעכטן אַרום מיר.
צווישן די יאַטקעס.
כ׳בין געשטאַנען אין הוילן העמד און צעפליקטע גאַטקעס,
און זיי האָבן מיר געטרייבערט די אָדערן
מיט פאַרטיידיקעכץ.
פאַרענטפערט אַזוי ווויל אַלע מײַנע נידריקע אינסטינקטן,
אַזוי שיין געזונגען מיר אַ זכות
פון מײַנע פרומע זיידעס ווענן,
אַז דער יאַטקעקלאָץ האָט אַזש גענומען שפריצן מיט טרערן.
אַ פרומע אַלטיטשקע האָט איבער מיר געמאַכט אַ צייכן
אין דער לענג און אין דער ברייט.
און אַלץ אַרום האָט גענומען נישט ווערן.
איך בין געבליבן אַליין אונטער אַ הימל פון קעלטעניש.
די שײַקע איז אַרויס פון באַהעלטעניש
און איך האָב פאַרמאַכט די אויגן.
די קלעפּ זײַנען מיך שוין נישט אָנגעגאַנגען.
איך האָב מיט סקרוך געדענקט
ווי זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט
אַרום דעם יאַטקעקלאָץ דעם רונדן,
ווי זיי האָבן געבלעקערצט איבער מײַן צענערעגט לײַב,
און ווי די בינען אײַנגעגעסן דעם האָניק איז מײַנע וווּנדן.
האָסט פאַרלאָשן איין שטערן, צוויי, דריי,
דײַן גאַנצע צעליכטיקטע פּראַכט.
גאָט, וואָס טו איך דאָ איינער אַליין,
אין דײַן אייביקער נאַכט.

What a commotion there was yesterday around me
In the butcher shop.
I stood there in a shirt and tattered underwear
As they purged my veins
With justifications.
They explained away my base instincts so well,
They sang so beautifully the merits
Of my pious grandfathers,
That even the butcher block spurted tears.
A pious old woman made a sign over me,
Down and across;
And everything around me dissolved.
I remained alone under a cold sky.
The gang came out of hiding
And I closed my eyes.
The blows no longer concerned me.
With a shudder, I remembered
How they had assembled
At the round butcher block,
How they had belched over my beaten body,
And like bees, were stinging my wounds with honey.
You extinguished one star, a second, a third,
Your entire shining might.
God, what am I doing here alone,
In your eternal night.

יוני 1939 June 1939




Ben Shahn: *Warsaw*, 1943–1963
Hebrew Quote from a 11th century Yom Kippur prayer
"These martyrs I will remember and my soul is torn with sorrow In the days of our trials there is no one to help us."

# אָן ייִדן

אָן ייִדן וועט נישט זײַן קיין ייִדישער גאָט.
גייען מיר, חלילה, אַוועק פֿון דער וועלט,
פֿאַרלעשט זיך דאָס ליכט פֿון דײַן אָרעם געצעלט.
זינט אַבֿרהם האָט דיך אין וואָלקן דערקענט,
האָסטו אויף אַלע ייִדישע פּנימער געברענט,
פֿון אַלע ייִדישע אויגן געשטראַלט,
און מיר האָבן דיך געפֿורעמט אין אונדזער געשטאַלט.
אין יעדער לאַנד, אין יעדער שטאָט
איז מיט אונדז אויך געווען אַ גר
דער ייִדישער גאָט.
יעדער צעשמעטערטער ייִדישער קאָפּ
איז אַ פֿאַרשעמטער, צעבראָכענער, געטלעכער טאָפּ,
ווײַל מיר זײַנען געווען דײַן ליכטיק געפֿעס,
דער וואָרצייכן פֿון דײַן ממשותדיקן נס.
איצט ציילן זיך אין די מיליאָנען
אונדזערע טויטע קעפּ.
ס׳לעשן זיך אַרום דיר די שטערן.
דאָס געדעכעניש פֿון דיר ווערט פֿאַרטונקלט,
דײַן מלכות וועט באַלד אויפֿהערן.
דער ייִדישער פֿאַרזיי און פֿאַרפֿלאַנץ
איז פֿאַרברענט.
אויף טויטע גראָזן וויינען די טויען.
דער ייִדישער חלום און ייִדישע וואָר געשענדט —
זיי שטאַרבן אין איינעם.
ס׳שלאָפֿן עדות גאַנצע,
עופֿהלעך, פֿרויען,
יונגעלײַט און זקנים.
אַפֿילו דײַנע זײַלן, די פֿעלדזן,
די שטאָמיקע ל״ו,
שלאָפֿן אַ טויטן, אַן אייביקן שלאָף.

ווער וועט דיך חלומען?
ווער געדענקען?
ווער וועט דיך לייקענען,
ווער וועט דיך בענקען?
ווער וועט צו דיר, אויף אַ פֿאַרבענקטער בריק,
אַוועק פֿון דיר, כּדי צו קומען צוריק?

די נאַכט איז אייביק פֿאַר אַ טויט פֿאָלק.
הימל און ערד אָפּגעווישט.
ס׳לעשט זיך דאָס ליכט אין דײַן אָרעם געצעלט.
ס׳פֿלעמלט די לעצטע ייִדישע שעה.
ייִדישער גאָט, ביסט שוין באַלד נישטאָ.

1946

*Without Jews*

Without Jews, no Jewish God.
If, God forbid, we should quit
this world, Your poor tent's light
would out.
Abraham knew You in a cloud:
since then, You are the flame
of our face, the rays
our eyes blaze,
our likeness
whom we formed:
in every land and town
a stranger.
Shattered Jewish skulls,
shards of the divine,
smashed, shamed pots—
these were Your light-bearing vessels,
Your tangibles,
Your portents of miracle!
Now count these heads
by the millions of the dead.
Around You the stars go dark.
Our memory of You, obscured.
Soon Your reign will close.
Where Jews sowed,
a scorched waste.
Dews weep
on dead grass.
The dream raped,
reality raped,
both blotted out.
Whole congregations sleep,
the babies, the women,
the young, the old.
Even Your pillars, Your rocks,
the tribe of Your saints,
sleep their dead
eternal sleep.

Who will dream You?
Remember You?
Deny You?
Yearn after You?
Who will flee You,
only to return
over a bridge of longing?

No end to night
for an extinguished people
Heaven and earth wiped out.
Your tent void of light.
Flicker of the Jews' last hour
Soon, Jewish God,
Your eclipse.

*Cynthia Ozick*

vessel of light—imagery from the Kabbalah.

Pillars, Rocks—biblical epithets applied to great sages.

The Thirty-Six Just*

away from you to return again—an allusion to a personal, religious poem by the Spanish Hebrew classical poet Ibn Gabirol, talking to God of fleeing "from You to You."

► מײַן וואָגל-ברודער

כ׳האָב ליב מײַן טרויעריקן גאָט.
מײַן וואָגל-ברודער.
כ׳האָב ליב זיך צוזעצן מיט אים אויף אַ שטיין
און אויסשטומען פון זיך אַלע ריד.
ווײַל אַז מיר זיצן אַזוי ביידע געפּלעפֿט,
ווערן אונדזערע מחשבות באַהעפֿט —
אין שווײַגן.

► *My Wander-Brother*

I love my sad God,
My wander-brother.
I like to sit with him on a stone
And silence to him all my words.
When we sit like this, dumbfounded together,
Our thoughts merge
In one stillness.

מײַן מידער גאָט פאַררײכערט אַ פּאַפּיראָס
און פאַרציט דעם ערשטן רויך.
ס׳צינדט זיך אַ שטערן, אַ פײַערדיק אות.
זײַנע גלידער בענקען נאָך שלאָף.
די נאַכט ליגט אונדז צופוסנס ווי אַ שאָף.

מײַן טײַערער גאָט,
וויפל תּפילות צו אים האָב איך פאַרשוועכט.
וויפל מאָל האָב איך אים געלעסטערט.
דורך די נעכט.
און נעוואָרעמט די שרעקעוודיקע ביינער
בײַם פײַערטאָפּ פון וויסן.
און דאָ זיצט ער, מײַן חבר, נעמט מיך אָרום,
און טײלט מיט מיר דעם לעצטן ביסן.

דער גאָט פון מײַן אומגלויבן איז פּרעכטיק.
ווי ליב איז מיר מײַן פאַרשלאָפטער גאָט.
איצט ווען ער איז מענטשלעך און אומגערעכטיק.
ווי דערהויבן איז דער שטאָלצער יורד.
ווען ס׳מינדסטע קינד איז מורד
אין זײַן געבאָט.
דורך יבשות און ימען.
ווען מיר שוין אַזוי בלאָנדזשען און בלאָנדזשען צוזאַמען.

צו אַ דרעמלענדיקן גאָט טראַכט איך אַזוי פון זיך:
ס׳שטרעקט זיך אָפט אין דער וואַרעמסטער היימישקייט —
אַ ווילדע פרעמד.

און נאָך איידער מען באַנעמט דעם סוד דערפון.
דערפילט מען אַז די אייגענע איבעריקייט
האָט זיך צעבליט ווי מאָך אויף אַ מצבה.
איז דאָס די שטאָט וואָס איך האָב געבויט?
איז דאָס די גאַס וואָס איר האָב איך אָנפאַרטרויט
יעדע נאַכט פון מײַן זכּרון?
וויפל זומערן זײַנען מיר דאָ געקומען צו-חלום?
אַהער בין איך געקומען. זיך פאַרוואָרצלען און פאַרשטאַמען.
דאָ האָב איך געוואָלט פאַרפלאַנצן שטילקייט
אויף אַן אייגענעם לעבעדיקן בית-עולם
פון טאַטע-מאַמע.
ווײַל טויט האָב איך דאָרט געהאַט איבערגענוג.
אַהער בין איך שוין געקומען אַ יורש פון טויט.
אַן אַנטרונענער.

דו רעדסט פון זיך.
שווײַגט צו מיר מײַן וואָגל-ברודער.
און איך טראַכט פון אונדז אַלעמען.
אַזוי צו זאָגן:
וויפל חורבן דאַרף אַ פאָלק פאַרטראָגן.
אַז ס׳זאָל אין אויפבוי אַלץ נאָך גלייבן.
איצט אַז ס׳וואַלגערט זיך אין שטויבן.
איז דאָס פאָלק געטלעכער פון מיר.
ס׳וועלן נאָך פעלקער קומען זיך בוקן
צו זײַן ווייטיק.

אָבער גאָט, מײַן ברודער.
צו וואָס האָסטו אַזוי דערהויבן מײַן פאָלק
און צעשטערנט זײַן אומגליק
איבערן גאַנצן הימל?

ווייטיק, בלוט. געלעכערטע הענט.
רחמנות פון אויסגערונענע אָדערן —
אַ קינדערשער משל מיט נאַרישע רייד.
איך האָב עס געצפּלט אויף זעקס מיליאָן.
איך האָב דעם משל געגעבן באַשייד.
מײַן פאָלק, מײַן זון, מײַן טרוים.
וועט אייביק בליִען געקרייציקט אויף אַ ליכטיקן בוים.

מײַן גאָט שלאָפט און איך וואַך איבער אים.
מײַן מידער ברודער חלומט דעם חלום פון מײַן פאָלק.
ער ווערט קליין ווי אַ קינד,
און איך וויג אים אײַן אין חלום פון מײַן פאָלק.
שלאָף מײַן גאָט. מײַן וואָגל-ברודער,
שלאָף אַרײַן אין חלום פון מײַן פאָלק.

My weary God lights a cigarette
And inhales the first smoke.
A star lights up, a fiery sign.
His limbs long for sleep.
The night lies at our feet like a lamb.

My beloved God.
How many prayers to him have I profaned.
How often have I blasphemed
In the nights,
Warmed my fearful bones
At the firepot of knowledge.
And here he sits, my friend, hugging me,
And shares with me his last mouthful.

The God of my unbelief is beautiful.
How nice is my feeble God
Now, when he is human and unjust.
How graceful is he in his proud downfall,
When the smallest child revolts
Against his command.
Through sea and land,
We two shall ever wander and wander together

I think to my dozing God of myself:
At times, an alien space
Will spread in the homiest warmth.

And before you grasp its mystery,
You feel how your own futility
Blossoms like moss on a gravestone.
Is this the city that I built?
Is this the street I confided in
Every night of my memory?
How many summers appeared here in my dream?
Here I came to strike roots and grow stems,
Here I wanted to plant calm
On my own living graveyard
Of father-mother.
I had plenty of death over there.
I came here, an heir of death,
A refugee.

You are talking of yourself,
Answers the silence of my wander-brother,
And I think of all of us:
How much destruction can a people bear
And still believe in re-building?
Now, grovelling in the dust,
My people is holier than me.
One day, nations shall come to bow
To its pain.

But God, my brother,
Why hast thou raised my people
And spread their misfortune like stars
All over the sky?

Pain, blood, pierced hands,
Pity of emptied veins—
A childish fable with silly words.
I multiplied it by six million,
I gave the fable its moral.
My people, my son, my dream
Will blossom forever crucified on a tree of light.

My God sleeps and I watch over him.
My tired brother dreams the dream of my people.
He dwindles, grows small as a baby,
And I rock him into the dream of my people.
Sleep, my god, my wander-brother,
Sleep into the dream of my people.

1946

## מאָצאַרט

סיהאָט זיך מיר געחלומט,
גויים האָבן מאָצאַרטן געקרייציקט
און אים באַגראָבן אין אַן אייזל־קבֿר.

נאָר ייִדן האָבן אים געמאַכט פֿאַר גאָטס מענטש
און זײַן געדעכעניש געבענטשט.

זײַן אַפּאָסטאָל בין איך איבער דער וועלט געלאָפֿן
און באַקערט יעדער איינעם וואָס כ׳האָב געטראָפֿן.
אומעטום ווו כ׳האָב געכאַפּט אַ קריסט,
האָב איך אים געשמדט אויף אַ מאָצאַרטיסט.

ווי וווּנדערלעך איז פֿון געטלעכן מענטש
זײַן מוזיקאַלישער טעסטאַמענט.
ווי דורכגענאָגלט מיט געזאַנג
זײַנען זײַנע ליכטיקע הענט.
אין זײַן גרעסטער נויט,
האָבן בײַם געקרייציקטן זינגער
געלאַכט אַלע פֿינגער.
אין זײַן ווייַנענדיקסטן טרויער.
האָט ער נאָך מער ווי זיך אַליין
ליב געהאָט דעם שכנס אויער.

ווי אָרעם און ווי קאַרג,
אַנטקעגן מאָצאַרטס פֿאַרבלײַב,
איז די דרשה אויפֿן באַרג.

1946

## Mozart

I dreamt that the goyim
crucified Mozart
and dug him a donkey's grave.

It was only the Jews
who made him a God-Man,
and kept his memory
blessed.

His apostle, I ran through the world
converting everyone in sight.
I snatched proselytes
all over; Christians for Mozart.

Marvel
at the Testament of Music
of the Man Divine:
his song-nailed hands
shine.
Crucified singer,
how his fingers go after
laughter
in deepest affliction.
Through dooms of tears
more than himself he loves
his neighbor's ears.

The Sermon on the Mount:
how stark,
how bereft,
when you count
what Mozart left.

*Cynthia Ozick*

## אָנהייב

זאָלן מיר אפֿשר אָנהייבן · קליין און וויגלדיק
מיט אַ קליין פֿאָלק?
מיר ביידע פֿאַרוואָגלטע צווישן פֿעלקער.
ערד־אַרבעטער וועלן זיך בוקן צו דיר.
וועסט לעבן אויף קרבנות
פֿון אָנגעברענטן מעל.
איך וועל אַרומגיין און זאָגן פֿאָלקישע חכמות
וואָס וועלן פֿאַרבלײַבן אין אונדזערע גרענעצן,
אָבער ס׳מינדסטע קינד וועט מיך
באַגריסן מיט גוט־מאָרגן.

זאָלן מיר אפֿשר ביידע גיין אַהיים
און צוריק אָנהייבן קליין פֿון סאַמע אָנהייב ?

מעכטיקער יהוה. וואָס ביסט זיך צעוואָקסן
איבער זיבן הימלען און קאָנטינענטן
און ביסט געוואָרן אַ שטאָלענער וועלטגאָט,
מיט גרויסע קירכעס און סינאַגאָגעס.
האָסט פֿאַרלאָזן דאָס פֿעלד, דעם שטאַל.
איך — די ענגע ליבשאַפֿט פֿון מײַן פֿאָלק —
ווי, מיר זײַנען ביידע געוואָרן אוניווערסאַל.
קום צוריק, ליבער גאָט, צו אַ פּיצל לאַנד.
ווער אונדזערער אין גאַנצן.
איך וועל אויך אַרומגיין און זאָגן היימישע רייד,
וואָס מ׳וועט זיי שמועסן אין די שטיבער.
מיר וועלן ביידע זײַן פּראָווינציעל —
דער גאָט און דער פּאָעט —
און ס׳וועט אונדז אפֿשר זײַן ליבער.

## Genesis

Why don't we start all over again
with a small people,
out of the cradle and little?
The two of us, wanderers over the nations.
Tillers of the soil will bow before You.
You'll live on burnt offerings of grain.
I'll go around preaching folk wisdom;
it won't reach past our borders,
but the least little child will greet me
good morning.

Why don't we both go home and start over,
from the very beginning,
out of our littleness?

Almighty Yahweh, who hast waxed great
over the seven firmaments and continents,
swollen steel-strong in vast churches
and synagogues, God of the Universe!
You've deserted field and barn;
I, the close love of my people.
We've both turned universal.
Come back, dear God, to a land no bigger than a speck.
Dwindle down to only ours.
I'll go around with homely sayings
suitable for chewing over in small places.
We'll both be provincial,
God and His poet.

וועסט אָנהייבן פֿון קלײנעם אמת,
נישט צוזאָגן קיין זיבן גליקן.
וועסט געדענקען דעם מענטש,
זײַן פֿלייש, זײַן ביין, זײַנע חסרונות,
דעם ווײַן וואָס דערפֿרייט ס'האַרץ פֿון מענטש,
די פֿרייד פֿון לײַב.
וועסט אים ליב האָבן אין די רגעס
ווען זײַן האַרץ וועט דאַוונען צו דיר מיט גלויבן.
דערווײַטערט וועסטו זײַן פֿון בלוט, האַק, מאָרד.
וועסט ליבערשט זײַן דער דערגרייכבער גאָט פֿון מנין,
איידער דער מעכטיקער גאָט פֿון גזלנים.
וועסט קומען נענטער צו אונדז
און מיר וועלן אָנהייבן צו שפּינען
נײַע מענטשלעכע דינים,
גילטיק פֿאַר דיר, פֿאַר אונדז.

זאָלן מיר אָפֿשר אָנהייבן ווינדלדיק און קליין
און וואַקסן מיט די גרענעצן
פֿון אַ געבענטשט לאַנד?
קינדער וועלן לאַכן מיט פֿרייד אונדז אַנטקעגן,
ווײַל מיר וועלן זײַן אָרעם און אמת.
דײַן געטלעכע ברכה וועט זײַן פּונקט גענוג
פֿאַר אַ רויִק און גוט פֿאָלק.

מײַן איינן וואָרט וועט ווערן
דער וואַרעמער נחת פֿון אַ משפּחה.
דײַנע נאָזלעכער וועלן שמעקן
דעם סולת פֿון אַ פֿאָלק,
וואָס האָרעוועט זײַן גאָט
מיט אַל דאָס גוטס.
מיך וועט מען אויך קאָרמען און צערטלען ווי אַ קינד.
און איך וועל פֿאַרווינגט ווערן
אין אַן ענג־באַקוועמער באַרעמטקייט.
און קיינער וועט אויסער די גרענעצן
נישט הערן —
נישט דײַן נאָמען און נישט מײַנעם.

זאָלן מיר אָפֿשר ביידע גיין אַהיים?
זאָלן מיר אָפֿשר ביידע, געשלאָגענע, גיין אַהיים?

אתה בחרתנו.
דו האָסט אונדז אויסגעקליבן.
מ'האָט אונדז ביידע פֿאַרשריִען פֿאַר גרויס,
כדי מ'זאָל אונדז צעשטויבן און צעשפּרייטן
און מאַכן אויס.
דיך האָט מען אויסגעשטערנט איבער אַ גאַנצער וועלט.
ווי קומען צו דיר גרויסע פֿעלקער?
ביסט שטיל און נחתדיק
און אין גאַנצן אַן אונדזעריקער.
פֿאַר וואָס האָסטו פֿאַרלאָזט דײַן משכן,
דײַן קליין געצעלט,
און אַוועק צו ווערן דער גאָט פֿון אַ וועלט?
זײַנען מיר געוואָרן דײַנע ווינדיקע קינדער,
די זײַלן־שאָקלער, וועלט־צינדער.
דאָס ביסטו פֿריער פֿון אונדז געוואָרן אַ ייִדישער אינטערנאַציאָנאַ'
מיר זײַנען דיר נאָכגעגאַנגען אין דער וועלט.
קראַנק געוואָרן מיט דײַן וועלט.
ראַטעווע דיך און קום מיט די עולים
צוריק צו אַ קליין לאַנד,
ווער ווידער דער ייִדישער גאָט.

Maybe it will go sweeter for us.

You'll begin with a scrap of truth,
not promising seventh heaven,
mindful of human flesh, bone, failings;
wine that gladdens the heart of man;
the body's pleasures.
You'll cherish us for those moments of belief
when out of our depths we invoke You.
You'll keep far from blood, blade, killing.
You'll choose to be the approachable God
of a prayerful huddle
rather than an omnipotent God of Prey.
You'll come near.
We'll begin to spin
merciful laws binding on You and on us.

Out of the cradle and little,
why don't we start all over again,
growing up bordered by a hallowed land?
Children will laugh all around in delight.
We'll be poor and full of truth.
Your holy blessing will just suffice
for a people peaceable and good.
My own word will be the warm pride
of a family.
Your nostrils will savor
the pure meal-offering of a nation
nurturing its God with everything good.
And me they'll feed and fondle like a child.
I'll be rocked in cozy fame.
No one beyond our borders will hear my name,
or Yours.

Shouldn't the two of us go home?
Why don't we both, beaten, go home?

*Thou hast chosen us.*
We were both cried up for grandeur
so that they could bring us to dust
and scatter us and stamp us out.
They tricked You out in stars over a whole universe.
How is it that great nations flock to You?
You are quiet and content with your own.
You are one of us,
completely.
Why did You abandon your closet-ark,
your little tent,
going far away to be converted
into the Lord of the Universe?
Therefore we became Your errant children,
agitators of pillars, world incendiaries.
You lapsed into the Jewish International
before we did.

We followed You into Your wide world
and sickened there.
Save Yourself, return
with Your pilgrims who go up
to a little land. Come back,
be our Jewish God again.

*Cynthia Ozick*

## איסט-בראָדוויי

פֿון אַלע רײַכע גאַסן איז מיר טײַער
מײַן ייִדישע פֿאַרגרויטע איסט-בראָדוויי;
די אַלטע הײַזער — צוויי געקרימטע ריי
די אײדעלע פֿאַרשמאַכטע שטיַיער,

אין צער באַצייכנט מיט גאָטס אַלטן פֿײַער,
וואָס טליעט קוים און לעשט זיך ניט אין זיי,
און די — וואָס שפּרייטן הויך דעם ווייגעשריי
פֿון פֿאָלק אויף ראָגס — נביאים און באַפֿרײַער;

און איר, פּיטנים, זינגענדיקע ברידער!
איר האָט דאָס האַרץ פֿון פֿאָלק געטריי און ריין
פֿאַרקאַרבט דאָ אויפֿן ברוד פֿון יעדן שטיין

אין לידער-תּפֿילות פֿון אַ נײַעם סידור,
אַז יעדער שטיין נאָך אײַך וועט לאַנג, נאָך לאַנג
מיט ייִדן זינגען אײַער זים געזאַנג.

**MANI LEIB**

## EAST BROADWAY

Of all rich streets, most dear to me
Is my shabby Jewish East Broadway.
Graying houses—two uneven rows:
Frail, restless and exhausted bodies:

The worry tinged with God's old fire—
It barely glows, yet it does not die.
And on the corners, seers and rebels
Who shout a nation's woe unto the sky.
And the poets. O rhapsodic brothers!
On the grime of each stone, you transmute
A nation's heart—finely—
Into the strains of a new hymnal.
Long after you, each stone will join
Your people in the prayer of your song.

*Nathan Halper*

## זונטאָג-שטעטל

רבי לוי יצחקס באַלעגאָלע,
וואָס שמירט די רעדער מיט סמאָלע,
אָנגעטאָן אין טלית און תּפֿילין,
האָט זיך אין דעם מידן,
אײַנגערויקטן זונטאָג-שטעטל,
פֿאַרשטעלט פֿאַר עטלעכע ייִדן,
וואָס שטייען אַרום זייערע הײַזער,
וואַשן די אויטאָמאָבילן.
טאַשן איבער בעת-מעשה
דעם סך-הכּל
פֿון נעכטיקן צדקה-פּינאַקל
אין צענטער.

אַ שטילע האַנט פּיטערט דעם טרויער
פֿון כראָנישער רו,
וואָס באַפֿאַלט דאָס שטעטל,
איין מאָל אַ וואָך;
מיט דער מאָנאָטאָנער לאָגיק
פֿון איין מאָל אין זיבן.
דער ווײַזער אויף דעם קליינעם סקווער
קריכט פֿאַרטאָגיק.
אַ קלויסטערגלאָק וועקט פֿאָרזיכטיק
אַ גאָט אַ פּאַסיוון.
פֿון די פֿענצטער הייבט אָן עיפּושן

## *Sunday Shtetl*

Rabbi Levi Yitskhok's drayman—the one who wore
*tales* and *tfiln* as he smeared the wheels
of his wagon with tar—
turns up in the shape of a bunch of Jews
hanging around their houses,
washing the car
(while the shtetl drowses
in its Sunday snooze),
adding up bills and working out deals
to pay up what's owed to the pinochle fund-raiser
they attended last night at the Center.

A hushed hand feeds the ache
of this chronic languor
that drops on the town:
weekly monotonous logic,
once out of seven.
In the little square
the clock creeps on
to point the dawn;
a wary church bell wakes
its passive god.
Windows start the stench
of bacon crackling.

מיט חזיר־גריוון.
ס׳גייען שכנים אין קלויסטער.
די פֿאַרשטעלטע באַלעגאָלעס
באַשפּריצן שטילער די רעדער,
שנײַדן דעם שטראָם פֿון דער קישקע
ס׳זאָל נישט מאַכן קיין טרעוואָגע.
און יעדער זוכט, פֿאַרלוירן,
שוץ בײַ דער עלנטער סינאַגאָגע,
וואָס איז אין שטעטל פֿאַראַנען
און וואַרט נעבעך אויף יום־כּיפּור.

די זונטאָג־ייִדן שמייכלען
צו די שכנים ווי מאַראַנען.
דער קלויסטערגלאָק גיט אַ טאָלעראַנטן היפּער,
פֿאַרבײַ ייִדישע טויערן.
זיי האָרכן צום קלויסטער
מיט אָנגעשפּיצטע,
דערשראָקענע אויערן.

The neighbors are off to church.
Our draymen-in-disguise,
hosing down their wheels,
cut the stream to cut the noise.
Lost souls, they look for safekeeping
to the deserted synagogue
that waits to fill up on Yom Kippur.

These Sunday Jews are secret Jews
smiling for the neighbors.
The church bell tolerantly skips over
the doorposts of the Jews.
They listen
with pricked-up ear,
in Marrano fear.

*Cynthia Ozick*

---

*Rabbi Levi Yitskhok* of Berdichev (c. 1740—1810): a famous Hasidic rabbi, noted for his benign view of humankind. The story goes that he once saw a drayman, arrayed for the morning service in his prayer shawl and phylacteries, greasing the wheels of his wagon. "Lord of the Universe," he exclaimed with delight, "behold the devoutness of your people! Even when they grease the wheels of a wagon they are still mindful of your name!" (Martin Buber, *Tales of the Hasidim)*

*Yom Kippur:* the holiest day of the Jewish calendar, when even nominally observant Jews attend the synagogue.

*the doorposts of the Jews:* an ironic reference to the story of Passover, which commemorates the flight of the Jews from Egypt. Before the last of the ten plagues, the Jews were invited to mark their doorposts so that the angel of death would avoid their households when he went in search of the Egyptian first-born sons.

*Marranos:* Jews in Christian Spain and Portugal from the late fourteenth century onward who were forced by the Inquisition to convert to Christianity but who continued to observe certain Jewish customs in secret.